# דברי תורה

## מאת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### שנאמרו בסעודה שלישית שבת פרשת שמות תש"פ לפ"ק

שבת התוועדות לתלמידי ישיבה קטנה - וואדבורן ניו יארק

יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען - גליון אלף קמ"ה

**הבה** נתחכמה לו פן ירבה וגו' (א-י). ברש"י נתחכם למושיעם של ישראל וכו' ע"כ. ובמדרש (הובא בקדושת יום טוב) שרצה לבטל את השבת ע"כ. וראוי להבין מאי טעמא רצה לבטל את השבת דייקא, ולא שאר מצות התורה. ויתכן לומר דמבואר ברמב"ן (בראשית כו-ה) כי מה שאמרו שהאבות קיימו כל התורה עד שלא ניתנה (יומא כח:), היינו רק בארץ ישראל, ויעקב בחוץ לארץ נשא האחיות, וכן עמרם נשא את דודתו, כי המצות משפט אלקי הארץ הן. וביוסף דרשו חז"ל (ב"ר צב-ד) שהיה משמר את השבת אפילו במצרים, זהו מפני ששבת שקולה ככל המצות, ולפי שהיא עדות על חידוש העולם. והיה עושה כן ללמד את בניו אמונת בריאת העולם, להוציא מלבם כוונות עבודה זרה ודעות המצרים ע"כ. ואם כן כלל ישראל במצרים לא שמרו רק השבע מצות שנצטוו גם המצרים, זולת מצות שבת, וכמו שהתנהג יוסף. ולכן שפיר אמרו הבה נתחכמה לבטל את השבת דייקא.

*

**ומתחלה** נקדים לבאר להלן בפרשה, וירא מלאך ה' אליו בלבת אש מתוך הסנה (ג-ב). וברש"י מתוך 'הסנה' ולא אילן אחר, משום עמו אנכי בצרה (תהלים צא-טו) ע"כ. ולא ביאר הטעם שנתגלה 'בלבת אש'. ובפשוטו כי מראה כבוד ה' כאש אוכלת (שמות כד-יז), וכן נאמר (דברים ט-ג) כי ה' אלקיך וגו' אש אוכלה. אמנם אכתי צריך ביאור, הא כבר נתגלה ה' להאבות הקדושים, ולא נאמר שם שהיה מראהו לבת אש, ומאי שנא כאן בסנה.

**וישוב** אמר, ויאמר ה' ראה ראיתי את עני עמי אשר במצרים (ג-ז). ובמדרש (שמו"ר ג-ב) ראיתי לא נאמר, אלא ראה ראיתי, אמר לו הקב"ה, משה, אתה רואה ראייה אחת, ואני רואה שתי ראיות. אתה רואה אותן באין לסיני ומקבלין תורתי, ואני רואה גם מעשה העגל וכו' ע"כ.

**ועל** זה השיב משה אל האלקים, מי אנכי וגו', וכי אוציא את בני ישראל ממצרים. ויאמר כי אהיה עמך, וזה לך האות כי אנכי שלחתיך, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה (ג-יא). וברש"י ששאל מה זכו ישראל שיעשה להם נס ואוציאם ממצרים. והשיב ה', דבר גדול יש לי על הוצאה זו, שהרי עתידים לקבל התורה על ההר הזה לסוף שלשה חדשים שיצאו ממצרים (שמו"ר ג-ד) ע"כ.

*

**הנה** התוועדנו בשבת זו תלמידי הישיבה קטנה, בחורים צעירים שעומדים בראשית שנותיהם. אמרו חז"ל (שבת קנב.) ווי לה לחדא דאזלא ולא אתיא [חבל עליה, כלומר יש לו להתאונן ולצעוק ווי ההולכת ואינה חוזרת]. מאי היא, אמר רב חסדא ינקותא [היינו ימי הנעורים]. כי אתא רב דימי אמר ינקותא כלילא דוורדא [נזר של וורד] ע"כ. כל ימי חיי האדם תלויין איך ניצל את שנות הבחרות. האדם עץ השדה (דברים ט-כה), כמו אילן שנטעו אותו, בהיותו רך משימין עליו עין ביותר, שיגדל ישר ונאה ולא יתעקם, ונותנין לו חיותו בריבוי מים שיתפתח כראוי, וכפי מה שהשגיחו עליו בינקותו, כן הוא מתגדל יותר ויותר להיות אילן נאה. כן הם ימי הבחרות בהאדם, כל מה שמוסיף אומץ וכח בתורה ועבודה, הוא מתגדל לאילנא רברבא. ויש לנצל כל יום שלא יבזבז אותו לריק.

**אמנם** גם מי שלא השגיח על ראשית ימיו, לעולם לא מאוחר, ואמרו חז"ל (אבות דרבי נתן פרק ו'), מה היה

תחלתו של רבי עקיבא, אמרו בן ארבעים שנה היה ולא שנה כלום. והלך הוא ובנו וישבו אצל מלמדי תינוקות, וכתב לו אל"ף בי"ת ולמדה וכו' ע"ש. ועזב את אשתו וביתו, והלך לבי רב ללמוד י"ב שנה. וכאשר בא הביתה, שמע שאמרה אשתו לחברתה, אי לדידי ציית יתיב עוד י"ב שנה אחריני, לא נכנס לביתו אלא חזר לבי רב על עוד י"ב שנה (כתובות סב:). וכמו שפירשו שלא נכנס לביתו כי לא רצה להפסיק מלימוד רצופות כ"ד שנה, שאם יפסיק, אז ילמוד רק שני פעמים י"ב שנה, ולא כ"ד שנה. ולימוד רצופות היא לימוד אחר לגמרי. וכן אמרו (אבות דרבי נתן שם) על רבי אליעזר בן הורקנוס שבן עשרים ושתים שנה היה ולא למד תורה, והלך ללמוד לפני רבן יוחנן בן זכאי ע"ש.

**ומי** גרם לו לרבי עקיבא שאחר שכבר עבר עליו שליש מימי חייו, ישנה דרכו ללכת ללמוד תורה, זה היה שעה אחת של התבוננות בחובתו בעולמו, שהחליט בנפשו אין אני רוצה לעזוב את העולם כבור ריק, יש עוד לפני רוב שנות חיים, ואתחיל להשתדל ללמוד יום יום, עד שנתעלה להיות תנא אלקי. ולכן נרמז זאת בשמו עקיב"א נוטריקון י"ש קו'נה ע'ולמו ב'שעה א'חת. וזהו מוסר השכל לכל אחד, אשר לעולם לא מאוחר להתחיל מחדש, ובפרט כשעומד עדיין בראשית ימי נעוריו, אלא יסתכל על השנים העתידות, שעדיין לפניו שנים רבות של עילוי, שיהא אשריו בעולם הזה ובעולם הבא.

**ועל** דרך זה היו ישראל במצרים, שהיו משוקעים במ"ט שערי טומאה, אבל אחר זה לאט לאט התעלו, ובראש השנה פסקה העבודה מאבותינו (ראש השנה יא.), ובאו לידי התבוננות להתאים דרכיהם לדרכי אבותיהם אברהם יצחק ויעקב, עד שנתעלו בקריעת ים סוף, שראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל. ושוב פסקה זוהמתן במתן תורה, וזכו לשמוע דברי אלקים חיים שדיבר ה' לכל אחד בפרטיות, אנכי ה' 'אלקיך' אשר 'הוצאתיך' וגו'. ושוב ישבו ארבעים שנה במדבר על התורה ועל העבודה יומם ולילה, עד שאמרו שדור קדוש כזה לא יהיה עוד עד עת התחיה (זוה"ק ח"א קסג.), ולא ראו קרי מימיהם, ולא שלטה בהן רמה ותולעה (פרקי דרבי אליעזר פרק מ"א).

**הרי** לנו כי דור שהיה במ"ט שערי טומאה נתעלו עד רום המעלות שאין למעלה ממנו. וכמו שפירש בזרע קודש (פ' בא) תחלה למקראי קודש זכר ליציאת מצרים (בקידוש היום), והיינו כי מי שרוצה לשוב ולהתעלות ממצבו, ועומד מיואש התחיינה העצמות האלה, על כן הראשית של הקורא קדושה, שיעלה על זכרונו יציאת מצרים, איך נתעלה אותו הדור מבירא עמיקתא לאיגרא רמה, ובזה ימצא חיזוק, כי לא ידח ממנו נדח, וגם בהיותו משוקע בטומאה יוכל עוד להתעלות.

**והנה** הקב"ה כאשר דן את האדם, לא מביט רק על העבר שלו, וכדרכי בני אדם שאין יכולים לראות את העתידות, אלא הקב"ה צופה ומביט עד סוף כל הדורות, והוא קורא הדורות מראש, ומביט גם על מה שיוכל להיות ממנו בעתיד, אשר לכל אחד יתכן להיות לו עתיד מזהיר. והלא הקב"ה שמו הוי"ה, היה הוה ויהיה, שכל העתידות גלוי לפניו כמו העבר, והיה ויהיה כולו חד, ועל כן נראה לפניו גם כעת העתידות של האדם. והרי גם משה רבינו כשרצה להרוג את המצרי המכה איש עברי, כתיב ויפן כה וכה וירא כי אין איש ויך את המצרי (ב-יב), וברש"י ראה שאין איש עתיד לצאת ממנו שיתגייר ע"כ. ומכל שכן שבדינו של הקב"ה כן הוא.

**ולכן** כאשר משה רבינו רואה את מצבן של ישראל משוקעים בטומאה, ושואל את ה' באיזה זכות הם ראויים לצאת, אמר לו הוי"ה, ראה ראיתי את עני עמי, משה, אתה רואה רק ראייה אחת, היינו העבר של הכלל ישראל, ואני רואה שתי ראיות, אני צופה ומביט גם על העתיד שלהם, והם עומדים לפני עיני כעת כמו שהם עתידים להיות לעתיד, אשר זכאה דרא דא מכל דרין דעלמא, נפקי ממתיבתא דמשה ופרחי לגבי מתיבתא דרקיעא וכו' (זוה"ק שם), והם ראויים לגאולה.

**ולא** עוד אלא זכות גדול יש להם, שהם הוסיפו חלק בפסוקי התורה, מפרשת שמות ולהלאה. ומה גם שעל ידי יציאתם ממצרים תתחדש הרבה מצות בתורה שהם זכר ליציאת מצרים, והן מצות תפלין בכל יום, מצות קרבן פסח, ואיסור חמץ, ואכילת מצה, וחג הפסח וחג הסוכות וכו'. וכל אחד מיוצאי מצרים יש לו חלק וזכות בכל המצות הללו שמקיימים ישראל, עד עולם. וזהו שאמר לו ה', דבר גדול יש לי על הוצאה זו, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, והיינו לא רק 'שיקבלו' את התורה בהר הזה, אלא הם 'יעשו' ויחדשו מצות רבות הכתובות בספר התורה הזאת, וזכות זה גדול מאד, שכדאי להוציאם ממצרים, כי אין להביט רק על העבר, אלא גם על העתיד, מה שיתהוה על ידם אחר יציאתם ממצרים.

*

**ובזה** היה נראה לבאר מה דאיתא במדרש (רו"ר ה-יד) אם אדם עושה מצוה יעשנה בלבב שלם, שאילו היה אהרן יודע שהקב"ה מכתיב עליו (שמות ד-יד) הנה הוא יוצא

לקראתך וראך ושמח בלבו, בתופים ובמחולות היה יוצא לקראתו וכו׳ ע״ש. והיא פליאה לומר שאהרן היה עושה יותר בשמחה כאשר היה יודע שהכתוב יפרסם מעשיו ומדותיו. אך הענין הוא, כי סיבת התרשלות האדם האדם בעבודת קונו, הוא משום שאינו מחשיב כראוי עד כמה הוא פועל במצותיו, וכמה הוא פוגם בהחטא. ואילו היה מאמין באמת כי ישראל נותנין כח במצותיהן בפמליא של מעלה, וכמו שנאמר (תהלים סח-לה) תנו עוז לאלקים, ובהחטאים מתישין כח של מעלה כביכול (איכ״ר א-לג), ובכל מצוה הוא קושר כתרים למלך מלכי המלכים, בודאי היה עבודתו ביתר שאת ויתר עז, ועל זה נאמר (דברי הימים ב יז-ו) ויגבה לבו בדרכי ה׳.

**ומכל** שכן כאשר היה יודע מתחלה שממצוה זו שעושה כעת יהיה נעשה חלק מהתורה הקדושה, שיהא נכתב דבר זה בפסוקי תורתנו הקדושה, היה משתדל לקיימה באופן היותר נעלה, כי הוא כותב כעת חלק מספר תורה. ועל דרך זה היה באהרן לפי גודל מדריגתו, שלא החשיב כראוי גודל הדבר שהוא עושה כעת לצאת לקראת משה בשמחה. אבל אם היה יודע כי למעלה נחשב מעשה זה כל כך, עד שתהא זאת חלק מתורת ה׳, שהקב״ה מכתיב זאת בספרו, אז היה עושה הדבר במדה מרובה יותר, בתופים ובמחולות.

*

**ועל** דרך זה היה בישראל במצרים, אם כי היו בשפל המצב, מכל מקום נגד עיני ה׳ הרואה את העתיד כאילו הוא כבר לפניו, בהסתכלותו על ישראל ראה כל פרשיות התורה, וכל המצות שיתחדשו על ידיהם, וכל עבודתם הנפלאה במדבר ארבעים שנה, וראה לפניו עם מלאים מצות כרמון. ולכן נתן אל לבו לגאלם, כי אף שכעת הם עובדי עבודה זרה, אבל העתיד שלהם יוכל להאיר עד רום המעלות.

**וזה** חיזוק לכל אדם, שלא יתעצב מהעבר, אלא ישים עיניו על העתיד, כי יוכל עוד להתהפך מהקצה אל הקצה. וזהו הענין שאמרו (יבמות מח:) על בעל תשובה שהוא כקטן שנולד, כי הקטן שנולד אין לו עבר רק העתיד, וכמו כן בעל תשובה אין לו להתבלבל ולהתייאש עבור העבר שלו, כי העבר אין, אלא יתאזר כגבור כמו שעשה רבי עקיבא ודעימיה, שפנה עצמו מהעבר שלו לדבק עצמו בתורת ה׳.

*

**וזהו** הענין שנתגלה ה׳ למשה בלבת אש מתוך הסנה, כי הנה הדומם בדרך כלל עומד על מעמדו, לא יוכל להתגדל יותר ממה שהוא, לא כן הוא האש, אשר אש קטן יוכל להתגדל ולהתלהב למדורת אש עד שישרף עיר גדולה. ולא עוד אלא גם גחלת שנכבה, ולא ניכר עליו שום חמימות, אם נשאר בתוך תוכו ניצוץ קטן של אש, יכולין ללבותו ולהבעירו למדורת אש.

**ועל** דרך זו הוא באדם, אשר נר ה׳ נשמת אדם (משלי כ-כז), הנשמה שבאדם היא אש, ועוד בו נשמתו האש שוכן בקרבו. וגם אם הגחלת כבויה נשאר עדיין בתוכו ניצוץ אש של קדושת נשמתו, שאינו מתכבה לעולם, ואם זוכה להתעורר, בידו להבעירו ללבת אש. ועל זה נאמר (תהלים לז-י) ׳ועוד מעט ואין רשע׳, כי גם בהרשע היותר גדול יש בו עוד מעט ניצוץ של קדושת נשמתו, אשר שם אין הוא רשע, שפגם החטא אינו מגיעה לשם, והיא הנקודה הפנימית שבעומק הלב, וממנה יוכל להתעורר תמיד, ולכן ׳והתבוננת על מקומו ואיננו׳, יתכן שברבות הימים תתבונן על אותו רשע, ולא תמצא אותו עוד רשע (עיין ישמח ישראל פ׳ נח).

**ודבר** זה הראה ה׳ למשה, שהביט על שפלותן של ישראל שהם כסנה, לא תואר ולא הדר אלא מצער ומכאיב להמתקרב. וגילה לו ה׳ שבסנה הזה מונח עדיין ניצוץ של אש, שלא כבה גחלתן של ישראל, ובידם להלהיב עוד אש זו להיות ללבת אש. אשר באמת כן היה בישראל, שאחר יציאתם ממצרים כעובדי עבודה זרה, נתעלו אחר כך ברום המעלה, והסנה נתהפך ללבת אש.

*

**והנה** בני ישראל גם בהיותם במצרים לא עזבו את ה׳, ולא היה אחד מהם פרוץ בערוה (ויק״ר לב-ה), עד שהעיד ה׳ והטיל את שמו עליהם, ה״א מצד זה ויו״ד מצד זה (רש״י במדבר כו-ה). וכאשר אמר משה לה׳ והן לא יאמינו לי (ד-א), אמר לו ה׳ שישראל מאמינים בני מאמינים, וחשדת בכשרים (רש״י שם). וכמו כן קיבלו על עצמם עול הגלות ולא התרעמו, וקיימו את הכתוב ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך וגו׳ ובכל מאדך (דברים ו-ה), בכל מדה ומדה שמודד לך הוי מודה לו (ברכות ס.), ובירכו על הרעה בשמחה כמו שמברך על הטובה, וכמו שפירש מרן מהר״ש מבעלזא זי״ע הכתוב, ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו ׳במאד מאד׳ (א-ז). שנתעצמו ׳מאד׳ במדה של בכל ׳מאודך׳, להודות לה׳ על כל מה שנעשה להם ע״כ.

**ובאיזה** כח הגיעו לידי מדה זו להתעצם כל כך גם בהיותם בשביה, על זה היא התשובה, כי משה ביקש מפרעה ליתן להם יום אחד בשבוע למנוחה, ונתן להם את יום השבת, ועל זה אומרים (בתפלה) ישמח משה

במתנת חלקו (טור או״ח סימן רפא). **ואיתא במדרש** (שמו״ר ה-יח) שהיה בידם מגילות (מגילות של סיפורי אדם ונח והמבול והפלגה, וסיפורי האבות, וכל הנבואות וההבטחות שנתנבאו. פירוש מהרז״ו) שהיו משתעשעין בהם משבת לשבת לומר שהקב״ה גואלן, לפי שהיו נוחין בשבת ע״כ. ויום השבת שהוא יום מנוחה וקדושה, היה להם בה הרחבת הדעת להתאזר בקדושתם, שהם בני האבות הקדושים, ויבוא יום שיגאלו ממצרים, אחר שיושלם גזירת הגלות שנגזר עליהם.

**וכאשר** ראה פרעה עוצם כחם, שאין מתערבים בגויים, ועומדים בקדושתם, אמר הבה נתחכמה לו, לבטל מהם יום השבת, כי יום זה הוא ׳מושיען של ישראל׳, שרק בכח קדושת השבת יכולים להתעצם בקדושתן של ישראל, שלא לכרוע ברך תחת הנסיונות שעוברים על האדם. ועל זה אנו אומרים במעלת יום השבת (בתפלת שמונה עשרה) ישמחו במלכותך שומרי שבת וכו׳, ובשביעי רצית בו וקדשתו. והראיה על מעלת היום הגדול הקדוש הזה, עד כמה משפיע הוא על האדם לטובה, ׳זכר ליציאת מצרים׳, יש להעלות על הזכרון, איך עם ישראל שהיו מוכנעים בעבודת הפרך שנים רבות, זכו לצאת ממצרים קדושים וטהורים, שלא התערבו בגויים, ולא היה אחד מהם פרוץ.

* * *

**די** וואך אין די פרשה, פארציילט די תוה״ק, אידן זענען אראפגעקומען אויף מצרים, ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד ותמלא הארץ אותם (א-ז), מצרים איז פול געווארן מיט אידן. האט פרעה געזאגט, הבה נתחכמה לו פן ירבה, והיה כי תקראנו מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו, מ׳דארף זיך מתחכם זיין אויף אידן.

**רש״י** שטעלט זיך שוין, אז מ׳הייבט אָן מיט א לשון רבים, ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו, וואלט געדארפט צו שטיין אין פסוק הבה נתחכמה להם, וואס זאגט ער הבה נתחכמה לו, א לשון יחיד. רש״י זאגט ס׳גייט ארויף אויפן מושיען של ישראל, דער וואס גייט זיין א מושיע פאר די אידן, אויף דעם דארף מען זיך מתחכם זיין.

**אין** מדרש שטייט, הבה נתחכמה לו גייט ארויף אויף שבת. לאמיר זיך מתחכם זיין מבטל צו זיין די אידן פון די מצוה פון שבת. דאס דארף האבן א ביאור, וואס עפעס פונקט די מצוה פון שבת האבן זיי זיך פארלייגט. אנדערע מצוות האט זיי נישט געשטערט, נאר די מצוה פון שבת? יתכן אז אידן האבן נישט מקיים געווען אנדערע מצוות אין מצרים, שטייט דאך, די אבות הק׳ אז כאטש זיי האבן געהאלטן כל התורה בעפאר מ׳האט עס געגעבן (יומא כח:), דאס איז נאר געווען אין ארץ ישראל, אבער אין חוץ לארץ האבן זיי נישט מקיים געווען די תורה, יעקב האט געגומען שתי אחיות.

**שטייט** אין רמב״ן (בראשית כו-ה) אז יוסף הצדיק ווען ער איז געווען אין מצרים, אפילו ער האט נישט געהאלטן די איבריגע מצוות, אבער שבת האט ער געהאלטן אפילו אין מצרים אויכעט, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית מג-טז) וטבוח טבח והכן, אז ער האט צוגעגרייט אויף שבת, ווי דער מדרש (ב״ר צב-ד) טייטשט. שבת, איז אמונה אינעם אייבערשטן, כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ, מ׳זאל געדענקן אז ס׳איז דא א בורא עולם, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, וועגן דעם היט א איד שבת, דאס האט ער נישט געקענט אדורכלאזן אפילו ער איז געווען אין מצרים, ער דארף דאך זיין א איד, ער דארף מחנך זיין קינדער דארטן, שבת האט ער געהאלטן אפילו אין מצרים אויכעט. איז מעגליך אז כלל ישראל האט טאקע נישט געהאט דעמאלטס נאר די איינע מצוה פון שבת, און אויף דעם האט מען געזאגט הבה נתחכמה לו.

*

**שפעטער** האט זיך דער אייבערשטער באוויזן פאר משה רבינו, ער גייט אויסלייזן אידן. און די מראה וואס דער אייבערשטער האט זיך באוויזן, איז געווען בלבת אש מתוך הסנה (ג-ב). א סנה האט געברענט, און דארט האט זיך דער אייבערשטער באוויזן פאר משה רבינו אין א פלאם פייער, דער סנה איז נישט פארברענט געווארן, משה רבינו האט זיך צוגעצויגן קוקן וואס דאס איז, איז געקומען דעם דיבור פונעם אייבערשטן אז דער באשעפער רוהט דארטן. רש״י שטעלט זיך שוין, פארוואס האט דער אייבערשטער זיך מגלה געווען אין א סנה? ענטפערט רש״י דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן פאר משה רבינו עמו אנכי בצרה (תהלים צא-טו), ווען א איד איז אין א צרה איז דער אייבערשטער צוזאמען מיט אים. די אידן זענען אין מצרים, ס׳איז א צרה, כביכול דער רבוש״ע די שכינה איז אויכעט אין א סנה.

**רש"י** איז מסביר דעם חלק פון סנה, פארוואס דער אייבערשטער האט זיך באוויזן דוקא אויף דעם מין נישט אויף עפעס אנדערש. רש"י זאגט נישט קיין הסבר פארוואס איז עס געוועזן אין א לבת אש א פלאם פייער. בפשטות כביכול דער רבוש"ע איז פייער, אזוי שטייט אין פסוק (דברים ט-ג) כי ה' אלקיך וגו' אש אוכלה, דער אייבערשטער איז פייער, און ער האט זיך באוויזן אויף די וועלט אויף א בחינה פון אש אוכלה, ס'איז געווען א לבת אש בתוך הסנה.

**אבער** די פלא איז, דער אייבערשטער האט זיך שוין באוויזן צו אברהם צו יצחק און צו יעקב אין די פריער'דיגע פרשיות, מ'געפינט קיינמאל נישט אז ס'זאל שטיין אין פסוק דער אייבערשטער האט זיך באוויזן אין פייער, כאטש דער אייבערשטער איז אש אוכלה. וירא אליו ה' (בראשית יח-א), דער אייבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו, אבער דער פסוק איז נישט מדגיש אז די מראה וואס דער אייבערשטער האט זיך באוויזן איז געווען אין פייער. דא זאגט דער פסוק אז די מראה איז געווען בלבת אש מתוך הסנה, וואס איז דער קשר פון די צוויי זאכן?

**דער** אייבערשטער האט געזאגט, ראה ראיתי את עני עמי אשר במצרים (ג-ז). שטייט אין מדרש (שמו"ר ג-ב) ס'איז א דאפלטער לשון, ראה ראיתי, נאר דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, דו זעהסט נאר איין ראיה איך זעה צוויי ראיות, דער מדרש טייטשט אויס, דער אייבערשטער האט געזאגט איך זעה קבלת התורה, און איך זעה אז מ'וועט זינדיגן, דאס איז דער ראה ראיתי, ס'האט צוויי ראיות. איין ראיה טייטש דער אייבערשטער זעהט דעם עבר, און ס'איז געווען א אנדערע ראיה פון דעם עתיד.

**און** משה רבינו זאגט דעם אייבערשטן, וכי אוציא את בני ישראל ממצרים (ג-יא), מה זכו ישראל, וואס האבן אידן א זכות ארויסצוגיין פון מצרים. דער אייבערשטער ענטפערט בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את אלקים על ההר הזה, מ'גייט מקבל זיין די תורה, און דאס איז שוין גענוג דער באשעפער זאל ארויסנעמען אידן פון מצרים.

*

**מ'רעדט** צו בחורים וואס האבן יעצט די שענסטע יארן אין זייער לעבן, די יארן וואס די גמרא (שבת קנב.) זאגט, ווי לה לחדא דאזלא ולא אתיא, א שאד אויף די זאך וואס גייט אוועק און מען האט עס נישט מער. וואס איז דאס, ינקותא, די יונגע יארן וואס ס'איז א מתנה פונעם אייבערשטן און מ'האט עס נישט שפעטער, די צייט קען מען שוין נישט האבן שפעטער, נאר יעצט אין די יוגענט. ינקותא זאגט די גמרא איז כלילא דוורדא, אזויווי א קראנץ פון רויזן אזוי שיין איז די ינקותא, שפעטער האט מען עס נישט.

**די** יונגע יארן פונעם מענטש, איז די שענסטע יארן וואס מ'האט. דאס בויעט אויף דעם מענטש אויף שפעטער. צו וואס מ'וועט צוקומען שפעטער יעדער איינער, איז אלעס תלוי בזה. וואס מ'האט אויפגעטוען אין די יונגע יארן, וויאזוי ער האט זיך יעצט אהערגעשטעלט, בדרך כלל מיט דעם וואקסט מען אויף, שפעטער פארגרעסערט מען, מ'פארברייטערט, אבער דער יסוד איז די יונגע יארן אין ביהמ"ד.

**א** בוים, ביז ווילאנג עס איז נאך יונג, ס'הייבט אן צו וואקסן, איז די צייט וואס מ'טוט זיך שטארק אפגעבן מיט אים, וויאזוי ער זאל זיך האלטן, ער זאל זיך נישט בייגן אויף רעכטס, נישט בייגן זיך אויף לינקס, שטיין גראד, מען טוט צו לייגן א ברעטל פון די זייט, א ברעטל פון די אנדערע זייט, כדי אז דער בוים זאל אויסוואקסן גראד, און מ'געט אכט אז דער בוים זאל נישט קאליע ווערן. שפעטער ווען דער בוים איז אויפגעוואקסן, ער איז געווארן א דיקער בוים, טוט מען שוין גארנישט פאר דעם בוים, מען קען שוין נישט קיין סך טוען, דאס איז עס, אזוי איז ער אויסגעוואקסן. און אז מ'האט אכט געגעבן אין דער יוגענט אז דער בוים זאל אויסוואקסן ווי ס'דארף צו זיין, איז יאר נאך יאר קומט צו, ס'ווערט נאך גרעסער און נאך גרעסער, ס'געט מער פירות ארויס, און דאס איז דער סדר ביי א בוים.

**כי** האדם עץ השדה (דברים כ-יט), א מענטש איז אויך אזוי. די יונגע יארן וואס מ'האט, די שענסטע יארן, וויאזוי מ'בויעט זיך אויס, וויאזוי מ'האט גענומען אויף זיך עול תורה, אוועקגעגעבן די יארן פאר תורה, פלייסיג לערנען, וואקסט מען אויס א תלמיד חכם. מ'האט אוועקגעגעבן די יארן פאר עבודת ה' וואקסט מען אויס א עובד ה'. און ח"ו אז מ'פארפאסט עס, שפעטער איז זייער שווער אז מ'זאל עס קענען צוריק דרייען, ווילאנג מ'האט עס, דארף מען וויסן מחשיב צו זיין די חשיבות דערפון.

**כל** שכן, ווען מ'רעדט פון גאר יונגע בחורים, קוים אנגעהויבן צו לעבן, קוים וואס מ'איז אריינגעגאנגען אין די ימי הבחרות, א יאר צוויי דריי, אזוי ווייניג פון די יארן פונעם מענטש, ס'איז נישט קיין נפק"מ וויאזוי דער עבר איז געווען, וויאזוי ס'איז אדורכגעגאנגען, האט מען נאך א געוואלדיגער עתיד, אויסצוואוואקסן און אויסצושיינען אויף שפעטער.

**מ׳געפינט** אין די גמרא (כתובות סב:, אבות דרבי נתן פרק ו), דער הייליגער תנא רבי עקיבא, מ׳האט נישט קיין השגה פון זיין גרויסקייט, אז די גמרא (מנחות כט:) זאגט אז רבי עקיבא איז געווען נאך גרעסער פון משה רבינו אין געוויסע זאכן, משה רבינו האט געהערט זיין שיעור, און ער האט נישט פארשטאנען וואס מ׳זאגט. דער רבי עקיבא זאגט די גמרא איז געווען פערציג יאר א בור, פערציג יאר איז ער געווען אן עם הארץ, ביי די פערציג יאר האט ער זיך מיישב געווען ער גייט זיך זעצן לערנען, און ער האט זיך געזעצט לערנען. ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון כלבא שבוע, רחל די ווייב פון רבי עקיבא. נאך די חתונה האט ער געזאגט ער לאזט איבער די שטוב, און ער גייט ארויס אויף צוועלף יאר לערנען. צוועלף יאר וועט ער נישט אהיימקומען, ער וועט נישט זעהן וואס ס׳טוט זיך אינדערהיים, ער וויל זיך מקדיש זיין צו אויסוואקסן אין תורה. נאך צוועלף יאר, איז ער אהיימגעקומען, האט ער געהערט ווי מ׳זאגט פאר זיין ווייב, אז דו האסט א מאן וואס האט דיך אזוי איבערגעלאזט אליין אין שטוב. האט זי געענטפערט ווען ער וואלט מיך פרעגן, וואלט איך געזאגט ער זאל בלייבן נאך צוועלף יאר און לערנען. ער האט עס געהערט, איז ער נישט אהיימגעגאנגען, ער האט זיך גראד אויסגעדרייט און צוריק געפארן אין ישיבה, און ער איז געבליבן נאך צוועלף יאר לערנען.

**און** די בעלי מוסר זאגן שוין, ער וואלט געקענט אהיימגיין קודם און זאגן א גוט מארגן, דו ביסט דאך שוין דא אין די שטאט? איבערגעלאזט א ווייב אליין. ער האט נישט געוואלט מפסיק זיין, ער האט נישט געוואלט אפהאקן זיין לימוד התורה, אז ער איז יעצט אינטערעסירט אוועקצוגיין, גייט ער אוועק נאך צוועלף יאר און ער לערנט. וויאזוי רופט מען עס אן, צוויי מאל צוועלף יאר איז נישט קיין פיר און צוואנציג יאר. פיר און צוואנציג יאר אז מ׳לערנט ברציפות, איז אנדערש ווי מ׳לערנט צוויי מאל צוועלף יאר און מען האט מפסיק געווען.

**יעצט** קומט שובבי״ם וואס מ׳לערנט רצופות, אז מ׳לערנט אין א סדר דריי מאל איין שעה, אינמיטן האסטו מפסיק געווען, איז עס נישט קיין סדר פון דריי שעה. דריי שעה אן איין צי דאס איז רצופות, דאס איז אזויווי רבי עקיבא האט געלערנט. מ׳האקט אפ אינדערמיטן, מ׳רעדט אינדערמיטן, מפסיק אינדערמיט, נאך פינף מינוט נאך פינף מינוט, מ׳לערנט אפשר אפ, אבער עס צוהאקט אויף חלקים.

**דער** הייליגער רבי עקיבא איז אויסגעוואקסן וואס ער איז אויסגעוואקסן, פערציג יאר איז ער געווען אן עם הארץ, ווען ער האט גענומען אויף זיך עול תורה, האט ער עס גענומען מיטן גאנצן ברען. איך ווארף זיך אריין אין תורה, ס׳אינטערעסירט מיך נישט די גאנצע וועלט ארום און ארום, איך גיי אין ביהמ״ד, איך וועל מיך נישט ארויסרוקן פון ביהמ״ד צוועלף יאר און אזוי וועל איך לערנען. איז ער אויסגעוואקסן שפעטער דער הייליגער תנא רבי עקיבא.

**רבי** אליעזר, זאגען חז״ל דארט, איז אויך נישט געווען בעסער. רבי אליעזר איז אויך געווען אן ע״ה צוויי און צוואנציג יאר, שפעטער ער האט זיך אריינגעווארפן צו לערנען תורה, איז ער אויסגעוואקסן, אז ווען ער איז אוועק פון דער וועלט האט ער געזאגט, מיינע צוויי הענד זענען ווי שני ספרי תורות (סנהדרין סח.), אזוי גרויס איז געווען רבי אליעזר אין תורה.

**רבי** עקיבא איז שוין אדורכגעגאנגען א דריטל פון זיין לעבן בשעת ער האט זיך מיישב געווען ער גייט לערנען. פערציג יאר איז ער אלט געווען בשעת ער האט זיך געזעצט לערנען. אז מ׳מאכט א חשבון, נעם א פערציג יעריגער יונגערמאן, יעצט וועל איך אנהייבן, איך קען דאך אפילו נישט קיין אל״ף בי״ת, אזוי שטייט אין חז״ל, און ער האט אנגעהויבן צו לערנען די אל״ף בי״ת א.א.וו. ביז ער איז אויסגעוואקסן רבי עקיבא! איינמאל וואס מ׳נעמט זיך פאַר אז מ׳גייט לערנען, און מ׳מיינט עס מיט א ערנסטקייט, שטייגט מען אויס.

**דער** גאנצער רבי עקיבא וואס האט זיך געטוישט ביי זיינע פערציג יאר, און וואס ער איז געווארן שפעטער, דאס האט נאר איין שעה אין זיין לעבן גורם געווען. די איין שעה וואס ער האט געהאט ישוב הדעת, און ער האט זיך מתבונן געווען אין זיין תכלית פונעם לעבן, איך האב שוין אפגעלעבט פערציג יאר אן עם הארץ, איך וועל אזוי בלייבן? דאס איז מיין תכלית? דאס איז א פלאן? מיט דעם וועל איך ענדיגן מיין לעבן אוועקצוגיין אן עם הארץ? — איין שעה התבוננות וואס ער האט געהאט האט אים געטוישט מן הקצה אל הקצה. גענוג וואס ס׳איז געווען ביז יעצט, איך נעם אויף מיר יעצט עול תורה, ער איז נישט געווען פארנומען מיט זיין עבר, נאר ער הייבט אן פון די ניי.

**עקיב״א** איז די ר״ת, י״ש ק׳ונה ע׳ולמו ב׳שעה א׳חת, שטייט אין די מפורשים, דער ר״ע האט געהאט א גוטע שעה אין זיין לעבן, וואס דעמאלטס האט ער געמאכט א אמת׳דיגע חשבון הנפש, און דער חשבון הנפש האט אים אדורכגענומען אלע זיינע אברים, גענוג וואס ס׳איז געווען ביז יעצט, איך הייב אן ניי, מיט די שעה אחת

וואס ער האט געהאט, האט ער קונה געווען עולמו, און ער איז אויסגעוואקסן וואס ער איז אויסגעוואקסן שפעטער.

**כל** שבן ווען מ'האט נאך די יונגע יארן פאר זיך, מ'האט נאך זיבעציג און אכציג יאר - דער אייבערשטער זאל העלפן אריכת ימים ושנים - אז מ'זאל קענען אויסוואקסן, און א מענטש ווערט אסאך מאל פארנומען מיטן עבר וואס ס'איז געווען, איך האב נישט מצליח געווען די ערשטע יאר, די צווייטע יאר, און ער שטעלט זיך אפ: ס'וועט שוין זיין אזוווי ס'איז! — ער כאפט זיך נישט, וועגן דעם גיי איך איצט מוותר זיין מיין גאנץ לעבן אויף שפעטער, איך גיי פארלירן אלע מיינע יארן שפעטער, וואס איז געווען איז געווען, יעצט איז געקומען די צייט אז איך זאל אנהייבן. א מענטש דארף ארויסנעמען פון רבי עקיבא, אז ווי אלט מ'איז, ווי שפעט ס'איז, טאמער איז דא א ריכטיגע שעה, א מענטש איז זיך משים לב, איך וועל אנהייבן א נייעם מהלך אונעם לעבן.

*

**די** אידן אין מצרים זענען געווען אין מ"ט שערי טומאה, און ס'איז נישט קיין חידוש, זיי האבן נישט געהאט קיין תורה, פון צופרי ביז ביינאכט האט מען געארבעט עבודת הפרך, מ'האט נישט געהאט קיין צייט צו לערנען צו דאווענען, אזוי איז דורכגעגאנגען יאר נאך יאר, צוויי הונדערט יאר איז מען געזעסן אין מצרים, צוביסלעך איז מען געפאלן אין די טומאה, ביז אין די מ"ט שערי טומאה זענען אידן אריינגעקומען אין מצרים, אין די נידריגסטע מדריגה.

**אבער** ס'האט זיך נישט ביי דעם געענדיגט, מ'זאל קוקן די בילד וואס ס'האט זיך אויסגעשטעלט שפעטער פון די יוצאי מצרים, מתחלה האבן זיי געהאט א יאר מנוחה, מ'האט נישט געארבעט, ראש השה איז בטל געווארן די עבודה פון מצרים (ראש השנה יא.), אנגעהויבן צו האבן אביסל ישוב הדעת, זיי האבן זיך מתבונן געווען אז זיי זענען בני אברהם יצחק ויעקב, מ'האט אנגעהויבן צו דינען דעם אייבערשטן, ווייל מען האט שוין געהאט אביסל דעם ישוב הדעת מ'זאל זיך קענען מתבונן זיין וואו מ'איז.

**ס'איז** געקומען די צייט, פסח ביינאכט, דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען, און זיי האבן געזעהן כביכול דעם רבוש"ע, ווי דער אייבערשטער זאגט ועברתי בארץ מצרים (שמות יב-יב), אני ולא מלאך, אני ולא שרף, אני ה', דער אייבערשטער איז אראפגעקומען אויף מצרים, זיי האבן געזעהן דעם געוואלדיגן התגלות פון די ניסים וואס ס'האט זיך אפגעטוען אין מצרים, זענען זיי דערהויבן געווארן, זענען צוגעקומען צו א געוואלדיגע מדריגה.

**ס'איז** געקומען שפעטער קריעת ים סוף, ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל, זיי האבן זוכה געווען צו א נבואה וואס יחזקאל הנביא האט נישט געזעהן, יעדער איד, אפילו א שפחה האט עס זוכה געווען, איז דאך כל שבן ווער ס'איז געווען מער ווי די שפחה האט עס אוודאי זוכה געווען. דער דור האט שפעטער מקבל געווען די תורה, זיי האבן געזעהן כביכול דעם רבוש"ע ביים בארג סיני, דער אייבערשטער איז אראפגעקומען, וההר בוער באש עד לב השמים, זיי האבן מקבל געווען די תורה. שפעטער זענען זיי געזעסן פערציג יאר אין מדבר, געגעסן מן, לחם שמלאכי השרת אוכלים, זיי האבן נישט געדארפט ארבעטן, מ'איז געזעסן און געלערנט פערציג יאר אין איין צי! אן קיין שום ביטול פון מלאכה. אזוי ווייט, אז ס'שטייט אין זוה"ק (ח"א קסג.) אז אזא דור וואס ס'איז געווען דער דור המדבר, וועט נישט זיין ביז משיח וועט קומען, אזוי גרויס זענען זיי אויסגעשטיגן.

**פון** ווען איז דאס אויסגעשטיגן? פון אזעלכע מענטשן וואס זענען געווען משוקע אין די מ"ט שערי טומאה, פון דארט זענען זיי דערהויבן געווארן צו אזא הויכע מדריגה. זעהט מען פון דעם, אז א מענטש וואו נידריג ער איז, איז נישט מוכרח אז דאס דארף אזוי בלייבן, אז איך בין ביז יעצט אזוי, וועל איך בלייבן אזוי. נאר וואס דען, ווען א מענטש איז משים לב, און ער האט די ריכטיגע מינוט, קען עס טוישן זיין גאנצן מהלך החיים.

**שטייט** אין זרע קודש (פ' בא) פונעם הייליגן ראפשיצער רב, תחלה למקראי קודש זכר ליציאת מצרים, זאגט ער, ווען א מענטש וויל אנהייבן צו רופן קדושה, ער וויל זיך נעמען צו עבודת ה', און עס קומט אים א מחשבה, איך בין נישט צו דעם צוגעפאסט, איך בין נישט אויסגעארבעט, איך בין זייער ווייט פון דעם, און ווערט תיכף צובראכן, ער הייבט אפילו נישט אן צו גיין ווייטער. זאגט מען אים, דארפסט געדענקען יציאת מצרים, דאס איז געווען א פאלק וואס איז געווען משוקע אין די מ"ט שערי טומאה, און קוק וואס ס'איז אויסגעוואקסן פון זיי שפעטער. מאך נישט קיין חשבון וואס ס'איז געווען, קוק נישט אויף דיין עבר, קוק אויף דיין עתיד, דו האסט א געוואלדיגן עתיד וואס דו קענסט צוקומען דערצו, זיי נישט פארנומען מיט וואס ס'איז אדורכגעגאנגען, זיי פארנומען וואס דו האסט נאך פאר דיר. דו האסט נאך פאר דיר א גאנצע וועלט פון לעבן, און דאס זאלסטו זעהן אויסנוצען דו זאלסט קענען שטייגן.

**תחלה** למקראי קודש, ווען א מענטש טוט אנהייבן צו רופן קדושה, און ער קוקט זיך אן, איך בין דאך נישט

געווען אזוי ביז יעצט, התחיינה העצמות האלו, קען איך נאך אנהייבן צו דינען דעם אייבערשטן? זאגט מען אים, ׳זכר ליציאת מצרים׳, געדענק וויאזוי אידן האבן אויסגעקוקט ווען מ׳איז ארויס פון מצרים, און קוק וואס ס׳איז געווארן פונעם כלל ישראל, דאס דארף מען זיך מיט נעמען, אז מ׳זאל נישט צובראכן ווערן און מיואש ווערן פון דעם מצב ווי מ׳איז יעצט, נאר שטענדיג אנהייבן און גיין ווייטער.

*

**מען** זעהט פייער איז אנדערש ווי יעדער דומם וואס איז דא אויף די וועלט, א דומם איז נישט שייך אז עס זאל פארברייטערט ווערן, גרעסער ווערן, א ברעט איז א ברעט, וואסער איז וואסער, ערד איז ערד, ס׳ווערט נישט קלענער ס׳ווערט נישט גרעסער. אש, פייער, איז אנדערש, איין קליין שוועבעלע קען אפברענען א גאנצע וואלד! איין שטיקעלע פייער קען ווערן שפעטער א אש להבה, א לבת אש קען ווערן דערפון. נישט נאר פון א שוועבל, נאר א גחלת של עץ, א קויל וואס האט געברענט, ס׳איז שוין אויסגעלאשן געווארן, און ס׳איז געבליבן איין פינטעלע פייער, איין שטיקעלע רויטקייט וואס דאס האט א כח אש, קען פון דעם שפעטער אפברענען א שטאט. דעם קליינעם שטיקעלע פינק וואס ס׳איז דא דארטן, לייג צו א פאפיר ס׳וועט אנהייבן צו ברענען, און נאכדעם וועט ווערן א גרעסערער פייער, ס׳וועט אנכאפן א הויז וועט ווערן נאך א גרעסערער פייער. פון איין אויסגעלאשענעם קויל, אבער ס׳איז דא דערין איין ניצוץ, איין פינק פון פייער ליגט אינעווייניג. האט עס א כח אז ס׳זאל קענען פארברענען אלעס וואס ס׳איז ארום און ארום.

**די** זעלבע איז דער מענטש, נר ה׳ נשמת אדם (משלי כ-כז), די נשמה פון א איד איז פייער, אפילו ווען די נשמה איז אויסגעלאשן, אבער ס׳בלייבט אייביג איבער א פינק פון קדושה! ס׳ווערט אנגערופן א ניצוץ פון קדושה. דער ניצוץ וועט קיינמאל נישט אויסגיין. ביי יעדער איד בלייבט איבער דערפון ס׳איז נאר זייער באהאלטן. אסאך מאל ווען א איד איז שוין כמעט אפגעהאקט פונעם גאנצן כלל ישראל, אבער אין א עת נסיון, ער דארף זיך מוסר נפש זיין פארן אייבערשטן, ווערט אויפגעפלאקערט ביי אים דער ניצוץ וואס ער האט, און ער איז גרייט זיך אפילו מוסר נפש צו זיין! — ווייל דאס איז דער כח פון פייער. אפילו ס׳איז אויסגעלאשן, ווילאנג ס׳איז נאך דא עפעס א פינק פון פייער ברענט עס נאך אלץ .. און דאס איז ביי יעדן איד, ער האט א נשמה אין זיך, ס׳איז דאך נר ה׳, ס׳איז אש אוכלה, די נשמה איז א חלק אלקי ממעל, א חלק פונעם אייבערשטן, דער באשעפער איז אש אוכלה און די נשמה פון א איד איז אש, און ווילאנג ער האט נאך א נשמה אין זיך, עוד בו נשמתו, איז דא דארט א שטיק פייער, און דער פייער קען צוריק אויפגעבלאזן ווערן, און ווערן דערפון א לבת אש.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, ועוד מעט ואין רשע והתבוננת על מקומו ואיננו (תהלים לז-י), אפילו א רשע אבער ועוד מעט, עס איז נאך געבליבן אביסעל וואס דארט איז ער נישט קיין רשע, יעדער איד האט אין זיך א קליינע ניצוץ וואס דער ניצוץ בלייבט ביי אים שטענדיג. איז וועגן דעם והתבוננת על מקומו, קענסט אסאך מאל אנקוקן דעם מענטש שפעטער, ואיננו, דו וועסט אים גארנישט דערקענען, דו וועסט קוקן וואס דער מענטש איז געווען פריער, וויאזוי האט ער זיך געטווישט? יא, וויאזוי עס טווישט זיך פון א פינק פייער קען ווערן א פלאם פייער, קען דער ניצוץ פון זיין נשמה וואס איז געבליבן, ווערן א לבת אש, א פלאם פייער.

**אידן** אין מצרים זענען טאקע געווען אין א שוואכן מצב, קען משה פרעגן וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, זיי זענען נישט ווערד ארויסצונעמען פון מצרים. אבער דער אייבערשטער זאגט ווען מ׳קוקט אויפן עבר וואס ס׳איז געווען, קענסטו טאקע זיי נישט ארויסנעמען פון מצרים, אבער זיי קוקן נאר יעצט אזוי אויס, ווען מ׳קוקט אויפ׳ן עתיד זייערן, וואס גייט געשעהן פון די אידן וואס וועלען ארויסגעקומען פון מצרים. לויט דעם וואס עס וועט ווערן פון זיי פערציג יאר שפעטער, איז עס אן אנדערע וועלט, ס׳איז נישט דער זעלבער מענטש וואס איז ארויס פון מצרים. די זעלבע וואס זענען געווען אין מצרים זענען אויסגעארבעט געווארן, און זיי זענען צוגעקומען צו אזא געוואלדיגע מדריגה אזוויי נביאים! א נביא איז טייטש אז דער אייבערשטער רעדט צו אים, דאס איז געווען ביי מתן תורה, די אלע צען דיבורים האט דער אייבערשטער גערעדט צו יעדן יחיד, ער האט נישט גערעדט צו כלל ישראל, ער האט גערעדט צו יעדן פערזענליך, אנכי ה׳ ׳אלקיך׳ איך בין דיין גאט, אשר ׳הוצאתיך׳, צו יעדן איד וואס איז געשטאנען דארטן ביי מתן תורה, האט דער אייבערשטער גערעדט צו אים פערזענליך, דער דיבור איז נישט געווען אויף כללות פון כלל ישראל, נאר צו יעדן איד עקסטער. צו אזא הויכע מדריגה זיי זענען צוגעקומען.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, קוק נישט אויף דעם וואס ס׳איז געווען ביז יעצט, איך האב שוין די בילד פון די אידן וויאזוי דאס וועט אויסקוקן אין פערציג יאר ארום. וויאזוי זיי וועלן אויסקוקן א האלב יאר פון ווען מ׳וועט ארויסגיין פון מצרים, דעמאלטס וועלן זיי זיין אנדערע סארט מענטשן פון וואס זיי זענען, איז כדאי אז איך זאל זיי אויסלייזן.

**א** בשר ודם זעהט נישט דעם עתיד, ער זעהט נאר דעם עבר וואס ס׳איז אדורכגעגאנגען, וואס ס׳וועט זיין זעהט ער נישט, ער זעהט נאר וואס ס׳איז אדורכגעגאנגען, דער עבר איז אסאך מאל נישט גוט וויאזוי ס׳איז געווען. כביכול דער רבוש״ע זעהט דעם מענטש פון יעצט ביז ער וועט אוועקגיין פון די וועלט, פאר׳ן אייבערשטער איז דער מענטש אויסגעשטעלט שוין יעצט, נישט נאר וויאזוי ער איז יעצט, נאר אויך וויאזוי ער וועט אויסקוקן שפעטער. און דער עתיד פון א מענטש איז געוואלדיג גרויס, אפילו ווען יעצט איז ער נישט ראוי, אבער ווען מ׳קוקט דעם בילד נישט נאר וואס ער איז יעצט, מ׳קוקט וואס פון דעם מענטש קען אויסוואקסן, דעמאלטס האט ער אן אנדערן בילד.

**יעדער** פון אונז האט די מעגליכקייט אויסצואוואקסן א גדול בישראל! ער קען אויסוואקסן דער גרעסטער וואס ס׳איז שייך ביי אידן! ווייל די גדולי ישראל וואס איז היינט דא ביי אידן און וואס ס׳איז געווען ביי אידן, אלע זענען אויך געווען קודם אזא בחור אין ישיבה ווי אונז. ס׳איז אויסגעוואקסן א נודע ביהודה, א חתם סופר, ס׳איז נישט אויסגעוואקסן פון זיך אליין, זיי זענען געווען בחורים, זיי האבן פלייסיג געלערנט, נישט אלע האבן געהאט די בעסטע קעפ, אויפ׳ן מהר״ם שיק זאגט מען ער האט געהאט א שוואכן קאפ, און דעסטוועגן דאך מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה איז ער אויסגעשטיגן אזא גרויסער מהר״ם שיק. ווער זאגט אז אונז קענען נישט אויסוואקסן אזויווי זיי זענען אויסגעוואקסן. ווען מ׳זאל באמת נעמען אויף זיך אריינווארפן אין ים התורה אזויווי זיי האבן זיך אריינגעווארפן, האט יעדער די מעגליכקייט צו צוקומען דערצו.

**ווען** דער רבונו של עולם קוקט אן דעם מענטש, קוקט ער נישט נאר זיין עבר וואס ס׳איז געווען ביז יעצט, ער קוקט וואס פון דעם מענטש קען אויסוואקסן, דער מענטש קען אמאל זיין א גדול בישראל. ווען מ׳דארף טוהן פאר דעם מענטש עפעס צי נישט, טוט דער אייבערשטער נישט רעכענען נאר לויטן עבר אליין וואס ס׳איז געווען, דער באשעפער רעכענט אויך וואס דער מענטש קען צו קומען צו זיין שפעטער, און לויט דעם גייען די חשבונות אויבן אין הימל. ווייל ביים אייבערשטן איז דער עבר מיט׳ן הוה מיט׳ן עתיד אלעס אייניג. ער זעהט דעם גאנצן בילד פונעם מענטש מתחלתו ועד סופו. איז אפילו ער איז נישט ראוי יעצט, דעסטוועגן דאך טוט דער אייבערשטער טוהן פאר אים זאכן, וועגן זיין עתידות וואס ער וועט זיין שפעטער.

**ביי** א מענטש איז דא א עבר, מיט א הוה, מיט א עתיד, א עבר וואס איז געווען נעכטן, א הוה איז וואס ס׳איז יעצט, א עתיד וואס ס׳וועט זיין שפעטער, און ער קען נישט זעהן דעם עתיד וואס ס׳וועט זיין. דער אייבערשטער, נישט נאר וואס ער זעהט דעם עתיד וואס ס׳וועט זיין שפעטער, ביים אייבערשטן איז דער היה הוה ויהיה אין די זעלבע רגע, דער עבר מיטן הוה מיטן עתיד דאס איז איין שם הוי״ה, אלעס צוזאמען, ביים אייבערשטן איז דער עתיד אזוי פאר זיינע אויגן פונקט ווי פאר דעם מענטש איז דער עבר וואס ס׳איז אדורכגעגאנגען. וועגן דעם ווען דער אייבערשטער איז דן דעם מענטש, קוקט ער נישט נאר אויף דעם וואס ער איז אדורכגעגאנגען, נאר אויך וואס פון אים קען נאך אויסוואקסן, לויט דעם טוט ער דן זיין דעם מענטש.

**ווען** דער אייבערשטער האט זיך באוויזן פאר משה רבינו, און ער האט פארשטאנען, אז משה רבינו וועט זיך ווינדערן, אידן זענען נישט ראוי אז מ׳זאל זיי אויסלייזן פון מצרים. האט דער אייבערשטער זיך באוויזן ׳בלבת אש מתוך הסנה׳, אמת אידן זענען יעצט א סנה, אידן זענען יעצט אין גאר א נידריגע מצב, אבער ס׳איז דא דארט א לבת אש, יעדער איד האט אין זיך א נשמה א חלק אלקי ממעל, ס׳איז טאקע אויסגעלאשן יעצט, אבער ס׳איז נאך געבליבן א קליינע פינק וואס פון דעם קען ווערן א לבת אש! דאס קען זיך צובלאזן, אזוי ווי עס איז געווען נאכדעם אז די יוצאי מצרים זענען צוגעקומען צו אזא געוואלדיגע הויכע מדריגה.

**און** ׳ראה ראיתי׳, זאגט דער אייבערשטער, דו זעהסט נאר ראיה אחת, דו קענסט נאר זעהן וואס ס׳איז געווען, דו קענסט נישט זעהן דעם עתיד, אבער ראה ראיתי, איך זעה דעם עבר און איך זעה דעם עתיד אויכעט, ביים אייבערשטן איז דער עתיד פונעם מענטש אזוי פאר זיינע אויגן כאילו ס׳איז שוין דא. דא זיצט שוין יעצט א איד וואס פערציג יאר איז ער געזעסן און געלערנט תורה אינעם מדבר, דאס איז געווען דער בליק פונעם אייבערשטן אויף יעדן איד וואס איז געווען אין מצרים יעצט, ווייל דער אייבערשטער קוקט נישט נאר אויפ׳ן עבר אליין, ער טוט דן זיין דעם מענטש אויף דעם וואס ס׳וועט אויך זיין שפעטער.

**מען** געפינט ביי משה רבינו די וואך אין די פרשה, ווען ער האט געוואלט הרג׳נען דעם מצרי, ויפן כה וכה (ב-יב), ער האט געקוקט וואס ס׳וועט זיין דעם עתיד פון אים, אויב עס גייט פון אים ארויסקומען שפעטער איינער וואס וועט זיך מגייר זיין, וועט ער אים נישט הרג׳נען. אפשר איז ער מחוייב מיתה יעצט, משה רבינו האט אים דאך גע׳הרג׳עט שפעטער, דאס איז אלץ נאר ווען איך וועל צוזאם נעמען

דעם עבר מיטן עתיד זיינעם איז ער א רשע. אויב זעהט מען אבער אז דא גייט נאך געשעהן א דבר טוב פון דעם מענטש, וועט אים שוין משה רבינו נישט אוועקנעמען. - און דאס איז געווען די סיבה וואס דער אייבערשטער האט ארויסגענומען אידן פון מצרים, אפילו זיי זענען געווען אין אזא שוואכע מדריגה, ווייל דער אייבערשטער האט געקוקט נישט נאר אויף דעם עבר פון זיי, ער האט געקוקט אויף דעם עתיד, און דער עתיד פון יעדן מענטש איז זייער גרויס.

**ווען** א מענטש איז זיך מתבונן, און ער מאכט א חשבון הנפש, מאכט זיך אסאך מאל אז די חשבונות זענען אויף וואס ס׳איז אדורכגעגאנגען, און ער ווערט מיואש, וואס וועט שוין זיין פון מיר. טראכט ער אסאך מאל, ס׳וועט שוין אדורכגיין, איך וועל שוין אדורכשטופן די פאר יאר אין ישיבה און ס׳וועט זיין דערנאך. וואס הייסט וואס ס׳וועט זיין, איך האב נאך צו לעבן זיבעציג און אכציג יאר, איך וויל נישט בלייבן א עם הארץ, איך וויל נישט אוועקגיין פון די וועלט ווי א פשוטער מענטש, איך וויל אויסוואקסן, איך האב די מעגליכקייט דערצו, איך וועל מיך אריינווארפן אין ים התלמוד, איך וועל מיך אריינווארפן אין לערנען און עבודת ה׳, די פאר יאר וואס איך האב דא אין ישיבה גיי איך אויסנוצען מכאן ולהבא, ס׳איז נישט קיין נפקא מינה צי ס׳איז א יאר צוויי יאר. ס׳איז אפילו נישט קיין נפקא מינה פון דעם ערשטער האלבער זמן ביז די צווייטע העלפט, ווייל ביי די ערשטע האלב זמן איז ער נישט געווען אזוי ווי ער וואלט געוואלט זיין, איז וועגן דעם גיי איך שוין אזוי בלייבן, גיי איך אדורכלאזן די גאנצע יאר און גארנישט אויפטוען? ווען א מענטש נעמט זיך אין די האנט אריין, ער קוקט אויף זיין עתיד, דארף ער וויסן, ער האט זייער א גרויסן עתיד וואס ס׳ווארט אויף אים שפעטער. — און דאס איז געווען אין מצרים, דער אייבערשטער האט גענומען זייער עתיד און דורכדעם האט ער ארויסגענומען אידן פון מצרים.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, דו פרעגסט וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, זענען זיי ווערד איך זאל ארויסנעמען פון מצרים. זאגט דער אייבערשטער ראה ראיתי, איך זעה צוויי ראיות, איך זעה זייער עתיד אויכעט, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את אלקים על ההר הזה, דאס איז נישט אז זיי גייען דינען דעם אייבערשטן, ביים רבוש״ע איז דער עתיד זייערער פאר די אויגן כאילו ס׳איז שוין דא, דער אייבערשטער האט זיי אנגעקוקט יעצט, אז דאס איז אידן וואס שטייען שוין ביים בארג סיני און מ׳זאגט נעשה ונשמע, זיי זענען מקבל אויף זיך די תורה. אפילו זיי זענען נישט ווערד איך זאל זיי ארויסנעמען מכח זייער עבר, אבער וואס ס׳ווארט ארויסצוקומען פון זיי, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את אלקים על ההר הזה, דאס האט צוגעברענגט דערצו אז דער אייבערשטער זאל זיי ארויסנעמען פון מצרים.

*

**און** ס׳גייט נאך טיפער, דער דור וואס איז געווען אין מצרים, ווען זיי זענען ארויסגעקומען, יוצאי מצרים, האבן זיי אהערגעשטעלט א חלק פון די תורה, ווען נישט זיי איז נישטא קיין פרשת שמות, וארא, בא, בשלח, און יתרו, און אז ס׳איז נישט דא קיין יציאת מצרים איז נישטא קיין מתן תורה. ווער האט אהערגעשטעלט די פרשיות פון די תורה? די אידן וואס זענען געווען אין מצרים, זיי האבן איבערגעלעבט די נסים פון מצרים, ווען דער אייבערשטער לאזט זיי דארט אין מצרים, זיי וועלן נשקע ווערן אין די מ״ט שערי טומאה, איז נישטא קיין קריעת ים סוף, ס׳איז נישטא קיין פרשת בשלח, ס׳איז נישטא קיין מתן תורה, ס׳איז נישטא קיין פרשת יתרו. די אידן האבן אריין געשטעלט א חלק אין די תורה.

**קען** מען זיך פארשטעלן וואס פארא זכות זיי האבן געהאט. אז מען זאל קענען שאפן א פרשה אין די תורה, דארף דאך זיין אז זיי האבן געהאט געוואלדיגע זכותים. ווי גרויס איז דער זכות פון א מענטש וואס קען אריין לייגן א פרשה אין די תורה, און די זכות האבן זיי זוכה געווען.

**נאך** מער, וויפיל מצות איז דא אין די תורה וואס ס׳איז זכר ליציאת מצרים? פסח, זכר ליציאת מצרים, אז ס׳איז נישטא קיין יציאת מצרים איז נישטא קיין פסח. תפילין, והיו לאות על ידך ולטוטפת בין עיניך כי בחוזק יד הוציאנו ה׳ ממצרים, אז ס׳איז נישטא יציאת מצרים, איז נישטא קיין מצוה פון תפילין. ווער האט געשאפן די מצוות פון די תורה? ווער האט א חלק אין אונזער תפילין לייגן יעדן טאג? דער דור וואס איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, וואס זיי האט דער אייבערשטער געוויזן די אלע נסים וואס ס׳איז געווען אין מצרים, זיי האבן דאך אראפגעברענגט מצות התורה, זיי האבן צוגעברענגט דערצו ס׳זאל זיין א פסח און א סוכות און אזוי אויך אלע אנדערע מצות וואס זענען א זכר ליציאת מצרים. אפילו שבת איז א זכר ליציאת מצרים, דאס האבן זיי צוגעברענגט — איז דען נישט גרויס דער זכות אז מ׳זאל זיי ארויסנעמען פון מצרים וואס זיי דארפן דאך שאפן חלקים פון די תורה?

**דער** אייבערשטער האט נישט נאר געזאגט ווען איך וועל זיי ארויסנעמען פון מצרים תעבדון את האלקים על

ההר הזה, זיי וועלן ׳מקבל׳ זיין די תורה, זיי וועלן ׳שאפן׳ די תורה וואס וועט זיין על ההר הזה, בהוציאך את העם ממצרים, ווען ס׳וועט זיין יציאת מצרים, תעבדון את האלקים על ההר הזה, זיי האבן צוגעשטעלט מצות פון די תורה. איז דען נישט גענוג גרויס דער זכות פון די וואס האבן אריינגעשטעלט א מצוה אין די תורה, אזויפיל פרשיות אין די תורה, דאס אליין איז דאך גענוג א זכות פאר זיי אז זיי זאלן ארויסקומען פון מצרים.

**און** וועגן דעם האט דער אייבערשטער זיי ארויסגענומען, ווייל דער אייבערשטער קוקט אויפן עתיד, און דער עתיד פון א מענטש איז זייער שיין. יעדער קען האבן א שיינעם עתיד, און אסאך מאל ווען דער אייבערשטער איז דן דעם מענטש אויף דעם עבר וואס ס׳איז אדורכגעגאנגען, האט ער שוין אינעם חשבון דעם עתיד וואס ס׳וועט זיין פון דעם איד שפעטער.

*

**מ׳ווייסט** ווען אהרן איז ארויסגעגאנגען צו משה רבינו, וראך ושמח בלבו (ד-יד) זאגט די תורה. אין מדרש (רו״ר ה-יד) שטייט, ווען אהרן וואלט ווען געוויסט אז ס׳וועט שטיין אין די תורה וראך ושמח בלבו וואלט ער ארויסגעגאנגען בתופים ובמחולות, ער וואלט נישט סתם ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין משה׳ן, ער וואלט געגומען מוזיק און אזוי וואלט ער ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין משה רבינו.

**אלע** מפרשים פרעגן, דאס פאסט פאר א פשוטער מענטש אזוי צו זאגן, ווען ער וואלט געוויסט אז וואס ער טוט וועט שטיין אין די תורה, וואלט ער זיך מער אנגעשטרענגט, ער וואלט שענער געמאכט די זאך וואס ער טוט, אבער צו זאגן אויף אהרן הכהן אז ווען ער וואלט ווען געוויסט אז די תורה רומט אים וראך ושמח בלבו, וואלט ער ארויסגעגאנגען בתופים ובמחולות, ווי קומט עס צו אהרן הכהן?

**איך** האב געטראכט ס׳קען זיין אנדערש, א מענטש איז אמאל נישט מחשיב א זאך וואס ער טוט, מיר זענען נישט מחשיב אונזערע מצות וואס אונז טוען. געטוען א מצוה, יא, מהיכי תיתי, א מצוה איז א חשובע זאך. ער דארף וויסן אז מיט זיין מצוה וואס ער טוט געט א קרוין כביכול פאר׳ן רבוש״ע, וויסן אז יעדע ווארט וואס ער זאגט וואס דאס מאכט א רושם אויבן אין הימל, ישראל זענען נותנין כח בפמליא של מעלה, ח״ו מ׳טוט אן עבירה איז מען מתישין כח של מעלה (איכ״ר א-לג), אונז שעצן נישט גענוג די מצוות וואס אונז טוען, ווען מ׳וואלט אמת׳דיג געשעצט א מצוה וואס מ׳טוט, ווען ער זעצט זיך לערנען וואלט ער געוויסט איך גיי יעצט מאכן א קרוין פארן אייבערשטן, וואלט ער אנדערש צוגעגאנגען לערנען. ויגבה לבו בדרכי ה׳ (דברי הימים ב יז-ו), א איד דארף זיך גרויס האלטן אין די וועגן פונעם אייבערשטן, וויסן אז א יעדע מצוה וואס ער טוט, וואס פארא געוואלדיגן חשיבות ס׳האט.

**אהרן** הכהן, וראך ושמח בלבו, איז געווען נאטורליך ביי אים, ער איז געווען אויסגעארבעט, ער האט נישט קיין קנאה, ער האט געזעהן משה רבינו קומט מיט א גרויסקייט, ער פריידט זיך אויף משה רבינו׳ס גדולה. ווען אהרן וואלט געוויסט אז ס׳גייט באשאפן ווערן פון די מעשה ושמח בלבו א פסוק אין די תורה, ער שטעלט יעצט אותיות אין די תורה מיט דעם וראך ושמח בלבו, וואלט ער דאס מקיים געווען מיט אזא הויכע מדריגה אז ער וואלט גענומען תופים ומחולות אויכעט. נישט מכח דעם אז די תורה זאל פארציילן וואס ער האט געטוען, נאר אז מ׳זעהט וואס א מצוה קען טוען, אז דער אייבערשטער האט זיך גערעכענט מיט דעם וראך ושמח בלבו, און ס׳איז געווארן א חלק פון תורה, וואס מיר האבן דאך נישט קיין השגה וואס קדושת התורה איז, ווען ער וואלט געוויסט אז זיין פשוט׳ע מעשה, וואס ער גייט יעצט ארויס מקבל פנים זיין א ברודער, איז די תורה אזוי מחשיב אז די תורה רעכענט עס אריינלייגן פאר א פרשה אין די תורה, וואלט ער עס געטוען אסאך א שענערן וועג, וואלט ער ארויסגעגאנגען בתופים ובמחולות אויכעט.

**און** דאס איז געווען ביי יעדן איד וואס איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, ער האט אריינגעשטעלט פרשיות אין די תורה, און דאס איז זייער חשיבות. א יעדער איד ווען ער טוט א מצוה און ער איז מחשיב די מצוה וואס ער טוט, און ער האט באמת אריינגעטראכט אז ער האט די זכיה צו געבן א מתנה פארן רבוש״ע, א קרוין צו מאכן פארן אייבערשטן, וואלט מען נישט צוגעגאנגען צו א מצוה אזוי פשוט, ער וואלט עס געטוען מיטן גרעסטן הידור. כאילו ער זאל הערן א בת קול ׳וואס דו טוסט יעצט לייגט מען ארויף א קרוין פאר׳ן אייבערשטן׳, וואלט ער עס געטוען מיטן גרעסטן אהבה ויראה וואס ס׳איז נאר שייך.

**און** אזוי דארף צו זיין א איד. יעדע מצוה וואס ער טוט מאכט ער א געוואלדיגע רושם. און מקיים זיין ויגבה לבו בדרכי ה׳, געדענקן די חשיבות פון א מצוה, אונז האבן מיר נאך אסאך לאנגע יארן וואס מ׳קען אויפטוען פאר׳ן אייבערשטן, און דאס דארף מען אויסנוצען, קוקן אויפן עתיד וואס ס׳גייט זיין.

**דאס** איז ביי יעדן איד, אפילו מ׳איז שוין אלט זיבעציג יאר, נישט קיין חילוק ווי אלט מ׳איז, א מענטש דארף קוקן אויפן עתיד, וואס קען איך נאך טוען פארן אייבערשטן. און כל שכן ווען מ׳איז נאך יונג, קוים

אנגעהויבן די עבודת ה׳, ס׳ליגט נאך די גאנצע לעבן פונעם מענטש יעצט אין זיינע הענט, א יונג ביימעל מ׳קען עס נאך בייגן אזוי און אזוי, דארף מען זיך משים על הלב זיין, נישט איבערלאזן די צייט, זיך אריין ווארפן אין עבודת השם, מ׳זאל קענען אפלעבן די איבעריגע יארן ווי ס׳דארף צו זיין.

**אידן** זענען געווען אין מצרים, און דאך זענען זיי געווען דבוק אין אייבערשטן, מיט אלע צרות וואס זיי זענען אדורכגעגאנגען. ויעבידו את בני ישראל בפרך וגו׳ בחומר ובלבנים, פון צופרי ביז ביינאכט געארבעט שווער, די נוגשים האבן געטריבן אז מ׳זאל ענדיגן די ארבעט, דעסטוועגן דאך האבן אידן זיך נישט אפגערוקט פונעם רבוש״ע, ויאנחו בני ישראל ויזעקו ותעל שועתם אל אלקים, זיי האבן געשריגן צום אייבערשטן, וידע אלקים, וישמע אלקים, דער אייבערשטער האט צוגעהערט, זיי זענען דבוק אינעם אייבערשטן. משה רבינו האט געזאגט והן לא יאמינו לי (ד-א), איז ער נענש געווארן, ישראל זענען מאמינים בני מאמינים, זיי האבן געגלייבט אינעם אייבערשטן.

**א** איד דארף אננעמען דעם מצב וואס דער אייבערשטער האט אים געשטעלט אויף די וועלט אפילו ווען ס׳איז נישט לפי רוחו, אז דער אייבערשטער וויל אזוי, על כל גל וגל נעניתי לו ראש, בייגן דעם קאפ, דאס וויל דער רבוש״ע, איך בין מקבל דעם רצון ה׳. דער פסוק זאגט, ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד (א-ז), די גמרא (ברכות נד.) דרש׳נט דאך אז מען דינען דעם אייבערשטן, בכל לבבך, מיט די גאנצע הארץ. ובכל נפשך, אפילו נוטל את נפשך, מען דארף אמאל אוועקגעבן דאס לעבן פארן אייבערשטן. ובכל מאודך, איין פשט איז, מ׳דארף דינען דעם אייבערשטן בכל ממונך, מיטן גאנצן געלט, נאך א פשט ובכל מאודך, בכל מדה ומדה שמודד לך הוי מודה לו, מיט יעדע מדה וואס דער אייבערשטער טוט מיטן מענטש, גוטס, שלעכטס, באלקים אהלל דבר, בה׳ אהלל דבר, ס׳איז א אלקים ס׳איז א ה׳, ס׳איז נישט קיין נפקא מינה, ער לויבט דעם אייבערשטן שטענדיג, חייב אדם לברך על הרעה אזויווי ער איז מברך על הטוב, לקבלינהו בשמחה, מקבל זיין וואס דער אייבערשטער גיט, ובכל מאודך, דין דעם אייבערשטן מיט יעדע מדה וואס דער אייבערשטער פירט זיך מיט דיר, דאנק דעם אייבערשטן אויף וואס ער האט דיר געגעבן.

**און** די מדה האבן געהאט אידן אין מצרים. זיי האבן געדינט דעם באשעפער בכל מאודך, מיט די שווערע זמנים וואס מ׳האט געהאט, דעסטוועגן דאך האבן זיי זיך נישט מתרעם געווען, מ׳האט זיך נישט אפגערעדט, יעדער האט מקבל געווען באהבה, דאס איז מיין גורל וואס דער אייבערשטער וויל, דער אייבערשטער פארשטייט בעסער צו פירן די וועלט ווי איך, מ׳האט זיך אונטערגעווארפן די הנהגה פונעם אייבערשטן.

**וירבו,** אידן האבן זיך פארמערט, ויעצמו, און זיי האבן זיך געשטארקט, במאד, אין דעם בכל מאודך האבן זיי זיך געשטארקט, מאד, אין די מדה מקבל צו זיין יעדע זאך, בכל מדה ומדה הוי מודה לו, מיט דעם האבן זיי זיך געשטארקט מאד, זייער שטארק!

**פרעגט** זיך נאר די שאלה וויאזוי האבן זיי דאס געקענט טאקע מאכן? מ׳איז אונטערגעדריקט, מ׳האט נישט קיין פריוואטע לעבן, פון צופרי ביז ביינאכט איז דא אן עבודה קשה, ווי נעמט מען דעם חיזוק אז מ׳זאל קענען לעבן מיט אזא געוואלדיגע מאס פון בכל מדה ומדה הוי מודה לו?

**די** תשובה דערויף איז, שטייט אין מדרש (שמו״ר ה-יח), משה רבינו האט אויסגעבעטן ביי פרעה אז ער זאל געבן שבת פאר אידן, איין טאג אין די וואך זאל מען נישט דארפן ארבעטן, שבת זאל מען קענען רוהען. דעם איין טאג אין די וואך האבן זיי געהאט צייט פאר חשבון הנפש, אונז זענען מיר דא אין מצרים, דער אייבערשטער האט אונז אהערגעברענגט. עס איז שבת, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, ער פירט די וועלט, וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט, מ׳איז געזעסן מיט די קינדער צוזאמען און מ׳האט איבערגעגעבן וואס מיר האבן מקבל געווען פון די אבות, תורה, עבודה. שבת האט מען געהאט איין טאג אין די וואך פאר התבוננות, און אז מ׳האט איין טאג אין די וואך צייט זיך מתבונן זיין, איבערטראכטן דאס לעבן, דעמאלטס פירט זיך די גאנצע וואך אנדערש. אויב שבת שלאפט ער אדורך, זונטאג הייבט ער אן ווייטער צו ארבעטן, א.א.וו. האט ער נישט ווען ער זאל איבערטראכטן, ער זאל צוקומען צו א שטיקל התבוננות, צו מאכן א חשבון הנפש.

**א** איד ווען ס׳קומט שבת, איז ער אויסגעשאלטערט פון די וועלט, שבת איז ער מיטן אייבערשטן אליין! ער האט נישט קיין ארבעט, ער האט נישט קיין טעלעפאון, ער טוט נישט קיין שום מלאכה, שבת איז א טאג וואס איז שבת לה׳, א טאג פארן אייבערשטן, דעמאלטס האט ער צייט זיך מתבונן זיין, און דעמאלטס טוט ער זיך דערהייבן פון וואס ער גייט אדורך די גאנצע וואך, און ער נעמט כח אויף די גאנצע וואך שפעטער.

**און** דאס האבן אידן געהאט פון דעם שבת אין מצרים, זיי האבן געהאט א טאג וואס מ׳האט גערוהט, האט מען זיך געקענט מתבונן זיין, מ׳האט זיך נישט אפגעריסן פונעם אייבערשטן, וירבו ויעצמו במאד מאד, זיי האבן זיך שטארק מחזק זיין בכל מדה ומדה הוי מודה לו.

**פרעה** האט געזעהן אז אידן ווערן נישט צעבראכן, פארלירן נישט זייער אמונה אינעם אייבערשטן,

זייער מוהט פונעם לעבן, טאטעס קינדער זיידעס עלטער זיידעס אלע אידן אין דעם זעלבן מוהט, יארן לאנג איינס נאך דאס אנדערע, און האלטן אָן די אמונה אינעם אייבערשטן, האט ער פארשטאנען ס׳איז דא עפעס וואס דאס געט זיי דעם כח אז זיי זאלן זיך קענען האלטן. און דאס קען זיין נאר דער שבת, וואס זיי האבן א טאג מנוחה, האבן זיי צייט איבערצוטראכטן אז זיי זאלן נישט פארפאלן ווערן. יעדן שבת האט מען באקומען כח פאר די גאנצע וואך אז מ׳זאל קענען ווייטער אנהייבן, און נישט פארלירן די אמונה אינעם אייבערשטן. ס׳איז געקומען דער אנדערע שבת האט עס געגעבן כח פאר נאך א וואך, דער שבת איז געווען דער ׳מושיען של ישראל׳, וואס האט געהאלפן פאר אידן אז זיי זאלן קענען בלייבן אין די מדריגה וואס זיי זענען געווען.

**ווען** ער האט געזען וירבו ויעצמו במאד מאד, אז אידן זענען זיך זייער מחזק אין דעם ובכל מאודך, זיי זענען מקבל אלעס וואס דער אייבערשטער פירט, דער אייבערשטער וויל אזוי בין איך עס מקבל. האט ער געזאגט הבה נתחכמה לו אויף ׳מושיען של ישראל׳, דא איז דא א זאך וואס העלפט פאר אידן און אויף דעם דארפן מיר זיך מתחכם זיין, און דאס איז געווען דער שבת.

**זאגט** דער מדרש, הבה נתחכמה לו איז געווען אויפן שבת. דער שבת וואס א איד האט, דאס האט געגעבן דעם כח און חיות ער זאל קענען אדורכגיין די גאנצע וואך אין מצרים, ער זאל נישט צעבראכן ווערן, אויף וואס ער גייט אדורך.

**און** אזוי איז ביי א יעדן איד. שבת דארף זיין א טאג פון חשבון הנפש. מען איז נישט פארנומען, אפילו מיט געוועגליכע שיעורי תורה איז מען נישט פארנומען, אין די וואכן איז מען פארנומען מיט לימודי קודש וואס מ׳דארף לערנען, אסאך מאל האט מען נישט במשך פון די וואך קיין צייט צו זיין א איד, ער איז פארנומען פון צופרי ביז ביינאכט מיט לימוד התורה. שבת איז א טאג וואס איז מנוחת הנפש, אריינצוטראכטן, שבת דארף יעדער מענטש נעמען אפילו נאר א פערטל שעה איבער טראכטן זיין מצב ווי איז אדורכגעגאנגען די פאריגע וואך, ווי בין איך אדורכגעפאלן, וואס קען איך טוען אז די קומענדיגע וואך זאל זיין בעסער, וואס נעם איך מיך אונטער אויף די קומענדיגע וואך, איך זאל נישט אנברענגען די צייט, איך זאל דינען דעם אייבערשטן ווי ס׳דארף צו זיין, איך זאל נישט צעבראכן ווערן פון וואס ס׳איז אדורכגעגאנגען. די כוחות נעמט מען א יעדן שבת. און דאס וואס אידן זענען ארויס געגאנגען פון מצרים א הייליג פאלק, איז נאר געווען וואס דער שבת האט זיי געגעבן דעם כח דערויף.

**ישמחו** במלכותך שומרי שבת וקוראי עונג, אידן פרייען זיך מיט׳ן שבת, עם מקדשי שביעי, שבת דעם זיבעטן טאג איז מען זוכה דעמאלטס צו קדושה, מען דערמאנט די געוואלדיגע חשיבות פונעם שבת, און מען ענדיגט ׳זכר ליציאת מצרים׳, מיר דערמאנען זיך ווען מען איז ארויס פון מצרים, מיט וואס פארא כוחות האט מען געהאט ארויסצוגיין פון דארטן, און מען איז נישט צעבראכן געווארן, מ׳האט געקענט ארויסגיין מיט אמונה טהורה, ויאמינו בה׳, אז דער אייבערשטער האט געזאגט זיי זענען מאמינים בני מאמינים, דאס האט מען דאך גענומען נאר פונעם שבת, ווען א מענטש ברענגט אויף אין זיין זכרון יציאת מצרים, דעמאלטס ישמחו במלכותך שומרי שבת, פרייט ער זיך אין מלכות שמים, ווייל דאס איז די צייט וואס א איד דארף זיך קונה זיין אויף די גאנצע וואך.

*

**אונז** האב מיר אלע געהאט א שיינעם שבת דא אינדרויסן, פיל מיט התעוררות, התחזקות, מ׳האט געהערט שיינע דברי תורה און דברי הדרכה פון די מגידי שיעור, צי ס׳איז געווען פרייטאג צו נאכטס, שבת בייטאג, עס איז דא אסאך אהיימצונעמען פונעם שבת.

**מ׳האלט** אין מיט׳ן זמן, דער האלבער זמן איז אדורכגעגאנגען, אסאך מאכן שוין דעם חשבון, נו א האלבער זמן איז אדורך ער האט נישט מצליח געווען ווי ס׳דארף, דער זמן איז שוין אדורך, דעם קומענדיגן זמן אי״ה וועלן מיר אנהייבן. ס׳איז א פאלש׳ער חשבון, א מענטש דארף נישט זיין פארנומען מיט וואס ס׳איז געווען, א בעל תשובה זאגט די גמרא (יבמות מח:) איז אזויווי א קטן שנולד. פארוואס איז ער אזויווי איינער וואס ווערט יעצט געבוירען, ווייל א בעל תשובה קען נישט אנהייבן צו זיין א בעל תשובה, נאר ווען ער וועט פארגעסן פון אלעם וואס ס׳איז געווען, ער האלט זיך אזויווי א קטן וואס איז היינט געבוירען. איך האב נישט קיין עבר. א קינד וואס איז היינט געבוירען האט נישט קיין שום שייכות מיט וואס ס׳איז געווען נעכטן, ער איז ערשט היינט געבוירען געווארן, אזוי דארף א בעל תשובה זיין. ווען א מענטש וויל אויף זיך מקבל זיין פון היינט און ווייטער צו גיין אויפן ריכטיגן וועג, איך טראכט נישט וואס ס׳איז געווען נעכטן, איך בין היינט געבוירען, איך בין היינט אראפגעקומען אויף די וועלט, היינט הייב איך אן מיין סדר היום. איך בין אזויווי א קטן שנולד, ער הייבט אן היינט ווי א נייער מענטש, נישט צו זיין פארנומען מיט׳ן עבר, איך האב נאך קיינמאל נישט געזינדיגט, איך בין קיינמאל נישט אדורכגעפאלן, איך האב נישט קיין זאך וואס איך בין צעבראכן געווארן, איך הייב היינט אן, און דאס געט אים דעם כח און קוראזש, אויסצונוצען די צייט וואס איז פאר אים.

**דאס** איז די חשיבות פון די יונגע יארן, ס'ווארט פארן מענטש א גלענצענדן עתיד החיים. וואס ער וועט קונה זיין אין די יוגענט, אזוי וועט עס זיין אויף אייביג, יעדן טאג וואס ס'גייט אדורך זאל מען אויסנוצן אויף עבודת ה', ס'איז נאך א טאג, ס'איז נאך א עמוד גמרא וואס מ'האט געלערנט, ווער שמועסט די לימודי הישיבה וואס מ'דארף לערנען, וואס ס'איז געגעבן געווארן אז א יעדער זאל קענען מיטהאלטן, אפילו דער שוואכסטער בחור זאל קענען מיטהאלטן וואס מ'לערנט אין ישיבה. אבער ווען דער אייבערשטער העלפט פאר איינעם ער איז א בעל כשרון, ער קען קונה זיין מער, איז מען נישט יוצא מיט דעם וואס ער קען די לימודי הישיבה, דארף מען לערנען ובהם נהגה, אדער אנדערע פראגראמען, זאל ער לערנען וואס ער קען, ער זאל שטייגן און אויסוואקסן.

**די** פאר יאר אז מ'טוט אויסנוצען ווי ס'דארף צו זיין, איז זיין גאנץ לעבן שפעטער אן אנדערן לעבן. נישט קוקן אויפן עבר, קוקן אלץ אויף דעם עתיד וואס ס'וועט זיין. מיר האבן נאך אסאך יארן וואס אונז דארפן מיר דינען דעם אייבערשטן, נישט פארפאסן יעצט ווען מ'האט די כוחות דערצו, די געלעגענהייט דערצו, אז מ'זאל עס אדורכלאזן און עס נישט אויסנוצען.

**יעדן** שבת נעמען א פאר מינוט אין מאכן א חשבון הנפש. איבערטראכטן די וואך וואס ס'איז אדורך וואס דארף מען מתקן זיין, וואס קען איך טוען אז די קומענדיגע וואך זאל זיין בעסער. אזוי אויך יעדע שבת אינדערהיים, נישט יעדער האט די געלעגענהייט אז דער שבת איז דערהויבן אין דערהיים, נישט אלע שטובער זענען אזוי אויסגעשטעלט, נישט יעדער איז זוכה צו האבן אזא שטוב, אבער 'ער' קען אריינברענגען אין די שטוב אז ס'זאל זיין א ווארימער שבת, אזוויוי ער האט אפגעראכטן דעם שבת דא, אזוי דארף ער אפרעכטן דעם שבת אינדערהיים. עס איז נישט קיין נפקא מינה צי די געשוויסטער זינגען זמירות צי מ'זינגט נישט, 'ער' זאל זינגען זמירות אזוויוי ער האט יעצט געזינגען. ער זאל משמיע זיין דברי תורה, ער זאל אריינברענגען די ווארימקייט פונעם שבת אינעם שטוב. די ווארימקייט פון שבת ברענגט הצלחה פאר די גאנצע וואך, איז די גאנצע וואך איז נאכדעם אנדערש. - דאס דארף מען זיך מיט נעמען פון דעם שבת וואס מ'האט געהאט דא, אז אזא שבת גייען מיר אפרעכטן יעדער פאר זיך אינדערהיים וואך נאך וואך.

**און** אז א מענטש וויל זיך פירן ווי ס'דארף צו זיין, ס'איז דאך יעצט טעג וואס איז מיוחד צו תשובה, טעג וואס איז געשטעלט געווארן א איד זאל מקדש זיין די מחשבה, מקדש זיין די אויגן, מחשבה דיבור ומעשה, וואס מ'רעדט זאל זיין איידל, און נישט וואס מען דארף נישט צו רעדן.

**דאווענען:** מתפלל זיין צום אייבערשטן, אלעס איז תלוי אין תפלה, מען דארף בעטן והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותך, מכוין זיין ביי יעדע שמונה עשרה אתה חונן לאדם דעת, בעטן פונעם אייבערשטן ער זאל געבן חכמת התורה, און צו גדעונקען תורה דארף מען א עקסטערע סייעתא דשמיא (מגילה ו:). מ'דארף בעטן השיבנו אבינו לתורתך וקרבנו מלכנו לעבודתך, נישט אפכאפן די שמונה עשרה, נאר יעדע תפלה בעטן ווי ס'דארף צו זיין, וועט דער אייבערשטער מקבל זיין די תפלות.

**וויסן** אויסנוצן די צייט וואס מ'האט אויף תיקון המדות, לערנען א מוסר ספר, א חסידיש ספר, יעדער איינער ווערט געבוירען מיט שלעכטע מידות, ס'איז נישט דא א מענטש וואס ווערט געבוירען נאר מיט גוטע מדות, ס'איז די עבודה פון א איד, מ'ארבעט דערויף. און אז מען לערנט ספרי מוסר, מען הערט שעורי מוסר פונעם מגיד שיעור, צו לייגן א אויער, און ארבעטן אויף וואס מ'האט געהערט עס אריינעמען אין זיך, זעהן עס אויסצופירן, מוציא זיין מכח אל הפועל.

**זאל** דער אייבערשטער געבן סייעתא דשמיא מ'זאל קענען דינען דעם אייבערשטן, און שטייגן אין תורה אין יראת שמים, דער באשעפער זאל געבן מ'זאל קענען אויסנוצען די צייט וואס מ'לעבט, כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה, מיר זאלן אלע זוכה זיין צו שטייגן אין תורה און יראת שמים. דער באשעפער זאל זיך שוין מרחם זיין אויף כלל ישראל, אידן זענען דאך אין גלות, דער שורש פונעם גלות איז פון די פרשה, די גאולה הייבט זיך דאך אן די פרשה, דער באשעפער זאל געבן מיר זאלן אויך זוכה זיין צו די גאולה שלימה האמיתית בביאת בן דוד בב"א.

**הגליון הזה נתנדב על ידי**

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר ר' שמואל מאיר פשערהאפפער הי"ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>בנישואי בנו למזל טוב | לעילוי נשמת<br>הרבנית הצדיקת מרת רבקה לאה ב"ר משה ארי' ע"ה<br>אשת כ"ק הגה"צ רבי משה מרדכי פאללאק זצוק"ל - אב"ד וואדקערט<br>נפטרה יום כ"ט טבת תשע"א לפ"ק - ת.נ.צ.ב.ה. | | מוה"ר ר' ישראל מרדכי ווייסבערג הי"ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>בנישואי בנו החתן אהרן נ"י למזל טוב |
| מוה"ר ר' יואל ב"ר א"י ראזענבוים הי"ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>באירוסי בנו החתן ארי' לייב נ"י למזל טוב | מוה"ר ר' שלמה יוסף ראאב הי"ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>בנישואי בתו למזל טוב | מוה"ר ר' יהושע דוד הערשקא הי"ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>באירוסי בתו למזל טוב | מוה"ר ר' משה אייגנער הי"ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>באירוסי בתו למזל טוב |
| מוה"ר ר' פנחס אלי' ראזנער הי"ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>באירוסי בתו למזל טוב | מוה"ר ר' יואל סאדרינאס הי"ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>בהולדת בנו למזל טוב | מוה"ר ר' אליעזר ברילל הי"ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>בהולדת בנו למזל טוב | מוה"ר ר' יעקב בלויא הי"ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>בהולדת בנו למזל טוב |

הרוצה לנדב להוצאת הגליון יפנה להר"ר יואל בראש"ש פייערווערקער הי"ו 347.425.2151